

# איז עס שוין
# פורים?



TU
TORAHUMESORAH

חזקי האט זיך אויפגעוועקט פרי ערב פורים.



ער האט געקוקט אויף חי' און געפרעגט,
"איז עס שוין פורים?"

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר גיין איינקויפן."



חזקי און חי' האבן זיך אנגעטועט, געדאווענט, און געגאנגען צו די געשעפט. זיי האבן געקויפט costumes, גראגערס, און אסאך נאש!



„איז עס שוין פורים?"
האט חזקי געפרעגט.

„ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
„ערשט דארפן מיר מאכן די המן-טאשן."



חזקי און חי' האבן געוואשן זייערע הענט און צוגעגרייט די פילונגען.

דערנאך, האבן זיי אויסגעוועלגערט די טייג און אנגעפילט די המן-טאשן.



"איז עס שוין פורים?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חיי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר צוגרייטן די משלוח מנות."



חזקי און חי' האבןביידע גענומען אפאר קעסטלער.
אין יעדע קעסטל האבן זיי אריינגעלייגט איין פלעשל
וויין, צוויי פרוכט, און דריי המן-טאשן.



"איז עס שוין פורים?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר צוגרייטן די געלט פאר
מתנות לאביונים."



חזקי און חי' האבן געבעטן זייער טאטע פאר געלט.
זיי האבן עס געלייגט אויפן זייט צו געבן אלץ מתנות
לאביונים אויף פורים.



„איז עס שוין פורים?"
האט חזקי געפרעגט.

„ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
„ערשט דארפן מיר צוגרייטן די טיש פאר
די פורים סעודה."



חזקי און חי׳ האבן אויסגעשפרייט א טישטעך. זיי האבן צוגעגרייט א פלאץ פאר די משפחה און געסט.



„איז עס שוין פורים?“
האט חזקי געפרעגט.

„ניין, חזקי,“ האט חיי׳ געזאגט.
„ערשט דארפן מיר זיך פֿאַרשטעלן.“



חזקי און חי' זענען געלאפן זיך אנצוטוען. זיי זענען
ארויסגעקומען פון זייער שטוב, פארשטעלט ווי
clowns, מיט קאלירטע האר און א ריזיגע רויטע נאז!



"איז עס שוין פורים?"
האט חזקי געפרעגט.

"יא, חזקי," האט חי' געזאגט.
"יעצט איז שוין פורים! יעצט קענען מיר
גיין הערן מגילה ליינען."



חזקי און חי' זענען געגאנגען צו שוהל. זיי האבן זיך צוגעהערט צו יעדעס ווארט פון די מגילה און געקלאפט מיט די גראגער זייער הויך, יעדעס מאל זיי האבן געהערט המן'ס נאמען.



"א פרייליכן פורים!"
האבן זיי געזאגט צוזאמען.






ADAPTED FROM "IS IT SHABBOS YET?" BY ELLEN EMERMAN
ILLUSTRATED BY TOVA LEFF COPYRIGHT 1990 HACHAI PUBLISHING
USED WITH PERMISSION.

TU
every**school**.
every**teacher**
every**child**.
TORAH**UMESORAH**